דוגמא: ער הייבט אָן א נייע סארט לימוד | עס איז אים שווער דורכצושטופן די ערשטע שטיק צייט ביז מען געוואוינט זיך איין צום לימוד | ער איז מחליט אז עס איז נישט געאייגנט פאר אים | דוגמא: א הנהגה טובה וואס קומט אָן שווער און דעריבער פסל'ט ער עס | דוגמא: ער קומט צו א משפיע צו הערן תורה און נאך פינף מינוט איז שוין דא אן החלטה – 'ער איז נישט פאר מיר' | אינ'אמת'ן האט ער נישט געוואלט מקבל זיין | דער יצר טוב – זיין געוויסנביסן – האט אים געצוואונגען | ער שפירט זיך באפרייט פון די טענות פונעם יצר טוב | אין קדושה רוקט מען זיך נישט אין ערגעץ מיט אזעלכע מהלכים

## ג. אורך ואמתך המה ינחוני: חנוכה איז אן אור פון בית המקדש וואס איז געבויעט אויף 'ארך רוח'

ארץ ישראל איז אנגעקומען זייער שווער כובש צו זיין | מען האט געדארפט אנקומען צו געוואלדיגע נסים | מען האט קיינמאל נישט כובש געווען בשלימות | ווייל עס איז אן עולם הבא'דיגע לאנד | אויף יעדע אמה דארף מען זיך מוטשען און הארעווען | דער בית המקדש איז געבויעט געווארן ת"פ שנה נאך כיבוש הארץ | די מחשבות וואס אידן האבן געטראכט די אלע יארן | דער כח פון ווארטן און ווארטן אויפן בית המקדש השלישי | יעדער איד בייזיך דארף ווארטן און ווארטן אויף זיין בית המקדש הפרטי | חנוכה צינדט מען יעדע נאכט איינס מער – צוביסלעכווייז | מען קומט נישט אָן אויפאיינמאל צו אלעס | מען גייט שטענדיג צוריק צום אנפאנג | מען שפירט דעם אור של משיח | דאס גיבט אריין כח צו ווארטן און ווארטן

א.

## טוב ארך רוח: א מענטש וועלכער מוז 'גלייך' זען מדרגות – קען נישט מצליח זיין

### הנרות הללו

דער עיקר מצוה פון ימי חנוכה איז דער ענין פון 'נרות חנוכה' וואס מען צינדט אָן. מען וועט פרובירן אביסל מסביר צו זיין דעם ענין, וואס מיינען די לעכט פאר אונז?! און פארוואס צינדט מען אָן יעדע נאכט איינס מער ווי נעכטן?!

### אָן א לעכט קען מען נישט גיין אין ערגעץ

דער פסוק זאגט (תהלים קיט, קה): "נֵר לְרַגְלִי דְבָרֶךָ וְאוֹר לִנְתִיבָתִי" - די תורה איז ווי א לעכט וועלכע באלייכט דעם 'נתיב' - דעם וועג. דאס הייסט, א לעכט דארף מען נישט אזוי וויכטיג בשעת ווען מען זיצט אויף איין פלאץ, דעמאלט איז נישט געפערליך טאמער עס איז טונקל, מען קען זיך נאך אן עצה געבן. אבער בשעת ווען א מענטש גייט אויף א וועג, ער גייט פון איין פלאץ צום צווייטן, פון איין שטאט צום צווייטן, און עס איז טונקל און פינסטער - קען ער נישט גיין! ער ווייסט נישט וואו דער וועג איז. טאמער האט ער נישט קיין לעכט וועט ער קיינמאל נישט קענען אנקומען! פאר דעם צוועק דארף מען אנצינדן א לעכט כדי צו באלייכטן דעם פינסטערניש און טרעפן דעם וועג וואו צו גיין.

### דער עובד ה' מוז האבן א לעכט צו קענען שטייגן

א מענטש וועלכער איז נישט קיין עובד ה' - איז אן 'עומד', ער גייט נישט אין ערגעץ, ער זיצט אויף זיין פלאץ אינעם 'עולם הזה' וואו ער האט זיך אפגעשטעלט און רוקט זיך נישט אוועק פון דארט. אזא איינער נויטיגט זיך נישט אין קיין 'נר' צו באלייכטן דעם וועג. אבער **דער עובד ה' גייט יא אויף א וועג, ער האלט אין איין גיין און שטייגן העכער און העכער, זיין נפש איז א גאנצן צייט אין א מצב פון 'הולך בדרך'**. און וויבאלד אויף דער וועלט איז א מצב פון 'אישון לילה ואפילה', עס איז פארהאן אזויפיל שטערונגען וואס דער יצר הרע ארבעט אָן, און די שוועריקייטן זעען אויס אזוי עכט, זיי שטייען אים אין וועג ממש ווי ווענט, און דער מענטש טאפט א וואנט! עס איז טונקל און ער ווייסט נישט וויאזוי מען גייט דא ווייטער! כאטש אינ'אמת'ן איז דאס אלעס נישט מער ווי נארישע דמיונות און אחיזת עינים! **ווי עלטער א מענטש ווערט, אלץ מער וואונדערט ער זיך אויף דער גרויסער פלא, ווי דער יצר הרע קען מיט אזעלכע נארישע דמיונות מרחק זיין דעם מענטש פון זיין גאנצע הצלחה. דערפאר מוז טאקע דער עובד ה' אנקומען צום 'נר לרגלי', ער מוז האבן א לעכט וועלכע זאל אים אנווייזן 'וואו' צו גיין**, אָן קיין לעכט קען ער בלאנדזשען און אוועק קריכן פונעם ריכטיגן וועג. און אט דאס איז דער 'נר חנוכה'! דאס איז א לעכט וועלכע איז מאיר פאר אלע עובדי ה'! יעדער עובד ה' באקומט א געוואלדיגע הארה פון די נרות חנוכה! עס גיבט אים א געוואלדיגן התעוררות, גוטע עצות און ריכטיגע השגות וועלכע העלפן אים צו גיין אויפן ריכטיגן מהלך אין עבודת ה'.

### מען ווערט נישט אזוי שנעל א צדיק און א בעל מדרגה

מען וועט אנכאפן איין נקודה, וואס מען קען זיך לערנען בפשטות פונעם ענין פון נרות חנוכה, דאס איז די מדה פון 'אריכת אפים'. דער עיקר מניעה אין עבודת ה', איז דער ענין פון 'אריכת הזמן', אז עס נעמט לאנג ביז מען קומט אָן צו עפעס א מדרגה, ווייל קדושה קומט נישט אָן אזוי גרינג און שנעל. מען זעט אזויפיל מאל ווי **בחורים וועלכע פלעגן זיין עובדי ה' - פאלן אראפ און הערן אויף צו דינען דעם רבונו של עולם. און דער עיקר סיבה איז, וויבאלד עס איז דורכגעגאנגען א פאר יאר וואס זיי זענען געווען עובדי ה', און זיי זעען זיך נישט אנקומען צו דער מדרגה וואו זיי ווילן אנקומען**, זיי דרייען זיך ארום און פילן נישט דעם חיות וואס זיי ווילן פילן. נאכדערצו, אז געוועגליך האבן זיי שוין - אין דער התחלה - געהאט געפילט א שטארקן חיות אין עבודת ה', און זינט דעמאלט איז שוין דורך אזא לאנגע צייט וואס זיי האבן דאס נישט געשפירט. און דערצו קומט נאך אונטער פארשידענע פרישע נסיונות - בפרט ווען מען ווערט א אינגערמאן וואס מען באגעגנט זיך מיט א נייע וועלט פון נסיונות און פארשידענע סארט מצבים - וואס מען דארף זיך אנגארטלען מיט ספעציעלע כוחות דאס בייצושטיין, און דא איז שוין דורכגעגאנגען אזויפיל יאר וואס ער האט נישט דעם חיות וואס ער האט געוואלט האבן, הגם דער רבונו של עולם שיינט אים אריין פון צייט צו צייט אן 'אור', אבער נישט דאס האט ער געמיינט! ער זעט נאכנישט די הצלחה וואס ער האט געמיינט! דעריבער פאלט ער אריין אין א יאוש און עצבות, ער גיבט אויף זיין גאנצע עבודת ה', און נעמט זיך אָן א מין אידישקייט פון 'עולם כמנהגו נוהג' און 'מצות אנשים מלומדה'.

### עס נעמט נישט לאנג צו ווערן א ליידיגער יונג מיט אלע פיטשעווקעס...

פון צווייטן זייט קומט נאך אויך צו דער צד

נקודות:

דער 'נר חנוכה' איז א לעכט וועלכע איז מאיר פאר אלע עובדי ה'! יעדער עובד ה' באקומט א געוואלדיגע הארה פון די נרות חנוכה! עס גיבט אים א געוואלדיגן התעוררות, גוטע עצות און ריכטיגע השגות וועלכע העלפן אים צו גיין אויפן ריכטיגן מהלך אין עבודת ה'

השלילי פון "דֶּרֶךְ רְשָׁעִים צָלֵחָה" (ירמיה יב, א). צו זיין א רשע חס ושלום דויערט נישט קיין 'אריכת הזמן'! דארט קען מען זייער שנעל אנקומען צו די גרעסטע כלומר'שטע הצלחות! עס איז 'פלאי פלאים' ווי מען זעט אמאל א יונגאטש וואס קוים א האלב יאר צוריק איז ער געווען 'משלנו', א היימיש יונגל, און יעצט א האלב יאר שפעטער איז ער שוין א פולשטענדיגער מחלל שבת רחמנא ליצלן, ער קען ממש דעם גאנצן פראסטן שפראך מיט אלע זייערע תנועות און מען קען אפילו נישט דערקענען אז ער איז אמאל געווען אן ערליכער בחור'ל. ווייל צו זיין א רשע, איז נישט אזוי שווער זיך אויסצולערנען! אין איין מינוט קען מען אויפכאפן זייער שפראך, זייער וועג פון רעדן, זייער השקפה און זייער התנהגות וויאזוי זיי פירן זיך אויף. אבער צו זיין אן עובד ה' און א צדיק - גייט נישט אין איין מינוט! עס איז זייער איידל און עס דויערט לאנג!

### האב אסאך געדולד ווייל עס קומט נישט אויפאיינמאל

טאמער א מענטש וויל האבן שייכות מיט דער קדושה מוז ער האבן די מדה פון 'אריכות אפים'. דאס הייסט, ער מוז וויסן אז מען באקומט נישט קיין מדרגות אויף איינמאל! עס קומט נישט אזוי שנעל צו לויפן! אודאי איז עס נישט צו שווער, **דער רבונו של עולם העלפט אודאי און מען פילט כסדר דעם סייעתא דשמיא! און דער עצם זאך וואס מען ווייסט אז מען איז ביים אמת - איז שוין זייער ליכטיג!** אבער דאס מיינט נאכנישט אז א מלאך וועט שטיין און אים סערווירן מדרגות אויף א גאלדענע טאץ... א מענטש וואס וויל אנהייבן צו גיין אויף דעם וועג פון עובדי ה' - דארף ער זיך אנגארטלען מיט אסאך געדולד לאורך הדרך! ער דארף האבן אמונה און בטחון, אז צוביסלעכווייז וועט ער אנקומען און קונה זיין מער און מער, ער וועט שטייגן ממדרגה למדרגה - אבער נישט אויף איינמאל! צווישן איין מדרגה ביז צו דער קומענדיגער מדרגה קען נעמען אסאך צייט! און עס קען אויך אונטערקומען אסאך מניעות'ן, נסיונות און דמיונות.

### שרייען און שרייען ביז מען ווערט געהאלפן

דער הייליגער רבי ר' אלימלך שרייבט (הנהגות האדם סעיף א'): א איד דארף אויפשטיין פארטאגס און מתפלל זיין אויף 'קרבת אלקים'; ווי ער זאגט דעם לשון: "לא יום אחד ולא שנים לא שנה אחת רק יום אחר יום, שנה אחר שנה, עד שירחמו עליו מן השמים" - עס קען נעמען יארן ביז מען וועט זיך מרחם זיין מן השמים און אים עפענען די טויערן פון עבודת הבורא. עס איז דא אסאך אידן וועלכע האבן געהאט א געוויסע תקופה אין לעבן וואס זיי זענען אויפגעשטאנען פארטאגס און זיך מתחנן געווען צום רבונו של עולם, אז זיי זאלן זוכה זיין צו קרבת אלקים. אבער עס האט נישט אנגעהאלטן לאנג. פארוואס? ווייל זיי האבן געמיינט אז ביז א פאר טעג וועלן זיי זען שינויים. אבער דערווייל איז דורכגעגאנגען א פאר וואכן און זיי האבן נאכאלץ נישט געזען קיין הצלחות, דעריבער האבן זיי אויפגעגעבן! אבער אינ'אמת'ן איז עס 'זייער' פראבלעם! ווייל א מענטש דארף זיין שטארק ווי אייזן אויף דער וועלט! ער דארף האבן אייזערנע כוחות נישט צו ווערן פארלוירן פון ווארטן אזוי לאנג און נישט זען קיין תוצאות! **דער רבונו של עולם וויל אמת'ע עובדי ה'! ער זוכט נישט אזעלכע וועלכע זענען געקומען לעקן האניג! דער רבונו של עולם זוכט אזעלכע עובדי ה' וועלכע זענען דורכגעבאקן דורך און דורך! זייער עבודת ה' איז מיט אן אמת, מיט א שטארקייט און מיט א פעסטן קביעות!** און די סארט אידן לאזן נישט נאך, זיי זענען זיך טאקע מתחנן צום אויבערשטן 'ימים ושנים הרבה', ביז ווען עס קומט די צייט און מען איז זיי מגלה געוויסע מדרגות פון הימל, און דעמאלט זעען זיי: "יא! עס האט זיך געלוינט צו ווארטן! טאקע דאס האבן מיר געמיינט מיט די אלע תפילות וואס מיר האבן מתפלל געווען אויף קרבת אלקים!".

### בלויז דער וואס האט אריכות אפים - שטייגט אויס ביזן סוף

דער 'נר חנוכה' איז א לעכט וועלכער באלייכט דעם וועג פון עובדי ה' און ווייזט זיי וואו צו גיין. לענייננו איז דאס א לעכט פון 'אריכת אפים', וואס דער לעכט באלייכט פארן מענטש און זאגט אים: "גיי ארויף אויפן וועג מיט שטארקייט און געדולדיגקייט! האב כח 'אויסצואווארטן' - וואו לאנג עס וועט נאר נעמען!". און טאמער מען וועט בודק זיין - וועט מען זען בחוש: **וועלכער בחור שטייגט אויס אין עבודת ה'? וועלכער בחור קומט צום סוף אָן צו ווערן א געהויבענער און אן אויסגעארבעטער איד? דער וואס איז געווען א תקיף בדעתו!** כאטש וואס אודאי העלפט דער רבונו של עולם און מען זעט יא תוצאות אפילו ביז אהין, אבער דער רבונו של עולם העלפט בלויז פאר די מענטשן וועלכע לאזן זיך העלפן! פאר די מענטשן וועלכע נעמען זיך צו עבודת ה' מיט א בטחון אז מען קומט נישט אָן אין איין רגע! זיי זענען גרייט צו ווארטן ימים ושנים! פאר אזעלכע מענטשן ווערט טאקע נשפע א ספעציעלע סייעתא דשמיא וואס זיי שפירן א גאנצן צייט אז דער אויבערשטער באגלייט זיי אויף טריט און שריט.

ב.

## כי ארכה לנו השעה: נישט פסל'ן א זאך בלויז ווייל עס איז שווער צו ווארטן

### ער איז מחליט 'דער לימוד איז נישט פאר מיר'

מען וועט אויסשמועסן א דוגמא וואו עס שטעלט זיך ארויס דער ענין פון 'אריכות אפים' ביי א מענטש: עס זענען פארהאן מענטשן וואס יעדע זאך אין רוחניות וועלכע גייט אים נישט הונדערט פראצענט גלאטיג - ווערט באלד אפגעפרעגט ביי אים. למשל, ער האט זיך קובע געווען א שיעור אין א געוויסן לימוד וועלכע איז ניי און פרעמד פאר אים. נו, פארשטייט זיך אודאי אז אינעם ערשטן וואך וועט ער פיהלן א טעם דערין; ווי דער באוואוסטער מאמר החכם: "אין חסידות כתחלתו". אבער נאך א שטיק צייט וועט דער 'פרישקייט' אויסוועפן, און ער וועט נישט שפירן קיין שום טעם אין דעם נייעם לימוד וועלכע ער איז נישט צוגעוואוינט דערצו. עס גייט דורך א צוויי וואכן און ער איז מחליט: "עה, דאס איז נישט פאר מיר! די גאנצע זאך איז געווען א טעות! איך מוז טוישן צו אן אנדערן לימוד!". אודאי וועט ער נישט מודה זיין בפה מלא אז דאס איז פשוט צוליב זיין פוילקייט זיך צו מוטשען זיך צו צופאסן צום נייעם לימוד, נאר ער וועט מסביר זיין צען תירוצים פארוואס דאס איז נישט פאר אים, צי ווייל די מסכתא איז נישט צוגעפאסט, צי ווייל דער חברותא איז נישט צוגעפאסט, דער בית המדרש איז נישט צוגעפאסט וכדומה. (מען זאגט נישט דא קיין הדרכה בפרטיות, ווייל אמאל קען טאקע זיין אז עס נישט צוגעפאסט צו אים. אין אזעלכע פעלער איז אייביג כדאי צו פרעגן הדרכה פון א רבי'ן, א טאטן, אדער אפילו סתם פרעגן א דריטן מענטש ווי א חבר וכדומה, אדער זיך אליינס מיישב זיין און זוכן דעם אמת, און מתפלל זיין אויף סייעתא דשמיא. מען נוצט עס דא נאר אלס 'דוגמא').

### אלע תירוצים זענען סתם א שיינעם וועג ארויס

על פי רוב איז נישט דער פראבלעם מיטן לימוד - דער פראבלעם איז מיט אים! דער פראבלעם איז אז ער האט נישט קיין 'אריכת אפים'! ער האלט נישט ביים לערנען עפעס וואס ער פילט נישט גלייך קיין טעם! דעריבער זאגט ער שוין סברות און פלפולים אז עס איז נישט געאייגנט פאר אים. אבער ער נארט זיך אליינס, זיין 'קוצר רוח' - דאס איז גורם אז ער זאל זאגן די אלע סברות!

### מען מוז זיין גרייט זיך צו מוטשען אביסל אויף דער וועלט

פאר אזא מענטש דארף מען מסביר זיין: **דו ווילסט דאך זיכער מצליח זיין אין עבודת ה'! דו ווילסט דאך זיכער מצליח זיין אין לערנען! נו, מוזטו האבן מתינות און סבלנות! ווייל אָן קיין סבלנות - וועסטו אין ערגעץ נישט אנקומען!** קיין שום אמת'ע הצלחה קען נישט נתגלה ווערן אין איין רגע! דו וועסט נישט קענען מצליח זיין אין קיין שום תחום - נישט אין תורה און נישט אין תפלה, נישט אין קדושה און נישט אין מדות טובות - טאמער דו וועסט נישט זיין גרייט זיך צו מוטשען אביסל! אבער טאמער דו וועסט אנהאלטן דעם נייעם לימוד ווייטער, און דו וועסט עס דורכשטופן ביז דו וועסט זיך צוגעוואוינען צו די נייע מושגים, און נאכדעם וועסטו דאס גוט איבער'חזר'ן און קונה זיין - וועסטו זען אז עס האט זיך געלוינט! דו וועסט זען אן אויסטערלישע הצלחה!

### דער בעל דרשן רעדט נישט צו מיין נשמה

די זעלבע זאך איז מיטן ענין פון מקבל זיין פון א משפיע. עס זענען פארהאן אזעלכע אידן וועלכע קומען אמאל צו א דרשה פון א בעל דרשן, און זיי הערן ווי ער זאגט תורה. און באלד נאכן הערן איין דרשה, איין תורה - און אמאל אפילו נאך בלויז פינף מינוט פון הערן - זענען זיי מחליט: "ער איז נישט פאר מיר! ער רעדט נישט צו מיר!". און אויפן פלאץ וועבן זיי אין קאפ אלערליי טעמים און סיבות פארוואס ער איז נישט פאר מיר. אבער אינ'אמת'ן איז אלעס איין גרויסער פראבלעם: ער האט נישט קיין 'אריכות אפים'. פאר אזא מענטש דארף מען מסביר זיין: דו זעעסט דאך דא אידן וועלכע שטייגן דורך זיינע דיבורים! נו, דו ביזט דאך נישט אנדערש פון יעדן! דו ביזט טאקע א גרויסער עובד ה', אבער עס שטייען דא נאך עובדי ה'! נו, פארוואס ביסטו אזוי שנעל מחליט דיין דעה אויף דעם בעל דרשן?! דו פארשטייסט נישט באלד? נו, ווארט צו אביסל! אפשר ביסטו פשוט נישט צוגעוואוינט צו דעם סארט שפראך וכדומה? **האב אביסל געדולד און 'ארך רוח' - איידער דו ביסט מחליט אז דאס איז נישט פאר דיר.**

### ער וויל נישט דעם 'יא' נאר ער וויל פארענטפערן דעם 'ניין'

דער ענין אז א מענטש האט נישט קיין 'ארך רוח' אין עבודת ה' ווייזט אויף זיין גאנצע עבודת ה' אז

**נקודות:**

דער 'נר חנוכה' איז א לעכט פון 'אריכת אפים' וועלכער באלייכט דעם וועג פאר דעם עובד ה' און זאגט אים: "גיי ארויף אויפן וועג מיט שטארקייט און געדולדיגקייט! האב כח 'אויסצואווארטן' – וואו לאנג עס וועט נאר נעמען!"

~

א דבר שבקדושה קומט נישט אָן גרינג! אויב א איד וויל ערגעץ אנקומען אין קדושה מוז ער האבן 'ארך רוח'! ער דארף נישט באלד זען דעם אור און די הצלחה! ער דארף זיין גרייט זיך צו מוטשען און שפייען בלוט – ביז ער זעט זיך עפעס אנקומען!

עס איז נישט מיט א 'ביקוש' און 'רצון', נאר עס איז בלויז יוצא צו זיין. לאמיר עס אויסשמועסן כלפי דעם ענין - פון גיין צו א בעל דרשן - וואס מיר רעדן יעצט. דער מענטש וועלכער פסל'ט גלייך אפ און איז מחליט אז עס איז נישט פאר אים, איז א סימן אז ער איז נישט געקומען ווייל ער האט 'געוואלט' קומען - נאר ווייל ער האט 'געמוזט' קומען! איי, ווער האט אים געצוואונגען צו קומען?! ער קען דאך בלייבן אינדערהיים און קיינער וועט נישט האבן קיין טענות צו אים?! דער תירוץ איז: זיין יצר טוב האט אים געצוואונגען! דער מענטש שפירט זיך אפגעפרעגט! זיין אינערליכער געוויסנביסן בייסט אים: "איך ווייס דאך גאנץ גוט אז עס פעלט מיר אויס א משפיע, און איך ווייס אויך גאנץ גוט אז יענער איז א גוטער איד, נו, ווי קען איך בלייבן אינדערהיים און נישט גיין צו אזא גוטן בעל דרשן?! טאמער וועל איך נישט גיין צו אים בין איך דאך 'עתיד ליתן את הדין'! איך קען דאך אזויפיל שטייגן אין עבודת ה' דורך אים, נו, מוז איך דאך גיין צו אים! איך האב נישט קיין ברירה!". נאך אזא חשבון הנפש טוט ער זיך אָן דאס מאנטל און גייט הערן די דרשה, כדי צו בארואיגן זיין געוויסנביסן. ער קומט אָן דארט און האלט מיט פאר פינף מינוט און צו זיין גרויסע שמחה האט ער נישט פונקטליך פארשטאנען אדער עס האט אים נישט אזוי איבערגענומען. באלד רופט ער זיך אָן מיט א נצחון: "דו יצר טוב! דו זעסט?! ער איז נישט פאר מיר! איך האב דיר געזאגט אז איך דארף נישט גיין! שוין, פון היינט און ווייטער זאלסטו מיר מער נישט מוטשען! דו קענסט שוין נישט האבן קיין טענות אויף מיר אז איך דארף זוכן א משפיע, ווייל איך האב שוין געזוכט און נישט געטראפן! וואס קען איך דען טון מער פון דעם? איך בין דאך געגאנגען און אויסגעהערט, איז וואס זאל איך טון אז ער איז נישט פאר מיר?! שוין, יוצא געוועזן און געענדיגט מיט די מעשיות!".

**ער וויל נאר מאכן זיכער אז ער איז נישט קיין שייגעץ פארן נישט גיין**

אין אנדערע ווערטער: דער ציל פארוואס דער מענטש איז געגאנגען צו דעם בעל דרשן איז נישט געווען צו מקבל זיין פון אים, נאר כדי צו בארעכטיגן זיין 'נישט גיין'! ער איז נישט געגאנגען 'יא גיין', ער איז געגאנגען כדי נישט צו גיין! כדי זיין געוויסנביסן זאל אים אויפהערן צו נאגן פארוואס ער גייט נישט! נו, אז מען גייט מיט אזא צוגאנג איז נישט קיין וואונדער אז מען האט נישט קיין 'ארך רוח' צוווארטן ביז מען וועט יא הנאה האבן! ווייל ער זוכט נישט צו באקומען דעם אמת'ן תועלת פון דעם בעל דרשן. אדרבה, ער זוכט צו טרעפן דעם וועג ארויס.

**איך וויל עבודת ה' און עס גייט מיר גארנישט אָן**

די זעלבע זאך איז מיט אלע ענינים פון עבודת ה'. ווי מער א מענטש זוכט באמת עבודת ה' און ער וויל זיך נישט פטר'ן דערפון בשום אופן - אלץ מער וועט ער האבן אן 'ארך רוח'! נישט קיין חילוק ווילאנג עס וועט נעמען ביז ער וועט אנהייבן שפירן אז ער איז שוין אריין אין דער מחנה פון קדושה - וועט ער נישט אויפגעבן, נאר ער וועט אנגיין מיט עקשנות! ווייל **ער האט סייווי נישט וואו צו גיין ערגעץ אנדערש! ער האט נישט קיין אנדערע זאך אויף דער וועלט - אויסער עבודת ה'! ממילא יאגט ער זיך נישט אין ערגעץ! ער האט א 'מתינות', ער ווארט אויס ביז ווען ער וועט אנקומען** און אריינגיין אינעם היכל פון צדיקים.

ג.

## אורך ואמתך המה ינחוני: חנוכה איז אן אור פון בית המקדש וואס איז געבויעט אויף 'ארך רוח'

**חנוכה איז א בית המקדש'דיגע יום טוב**

די נרות חנוכה האט מען מתקן געווען אלס זכר צום נס פון דער מנורה וואס מען האט אנגעצינדן אינעם בית המקדש. קומט אויס, אז דער גאנצער יום טוב פון חנוכה איז בעצם אן ענין פון 'בית המקדש'. דערפאר הייסט דאך דאס 'חנוכה' - אויפן נאמען פון 'חנוכת הבית'. ביים בית המקדש בפרטיות און ביי ארץ ישראל בכלליות האט מען גאר שטארק געזען דעם ענין פון 'ארך רוח'; ווי מען וועט אביסל מרחיב זיין.

**פארוואס איז געווען אזוי שווער איינצונעמען ארץ ישראל?!**

אין ספר יהושע ווערט דערציילט איבער די מלחמות וואס אידן האבן מלחמה געהאלטן מיט די גוים כדי איינצונעמען ארץ ישראל און די נסים וואס דער רבונו של עולם האט זיי געמאכט אויף טריט און שריט: 'הוביש את הירדן' (יהושע ד, כג), 'שמש בגבעון דום' (שם י, יב), און אזוי ווייטער. די וועלט האט זיך דאך ממש איבערגעקערט כדי מיר זאלן קענען ירש'ענען ארץ ישראל! און מיט די אלע נסים, האט מען קיינמאל נישט ריכטיג גע'ירש'נט ארץ ישראל! עס זענען אלעמאל פארבליבן חלקים פון ארץ ישראל וואו עס זענען איבערגעבליבן גוים, און דאס האט שפעטער גורם געווען אלע חורבנות און צרות. אפילו בימי שלמה - וואס דעמאלט האט שוין געהייסן דער גרעסטער כיבוש - האט מען נאכאלץ נישט פארטריבן אלע גוים פון ארץ ישראל, נאר זיי זענען געווארן משועבד צו באצאלן מס, אבער נאכאלץ האט מען נישט גע'ירש'נט ארץ ישראל פון זיי. ווען מען לערנט אזעלכע פסוקים ווערט שווער: פארוואס מאכט מען אזא עסק פון אזא קליין לענדל?! ווי גרויס איז דען גאנץ ארץ ישראל?! מען קען דאך עס קוים זען אויפן מאפע! עס זענען פארהאן לענדער וועלכע זענען ריזיג גרויס; ווי רוסלאנד, אמעריקע, אויסטראליע וכדומה - וועלכע ציען זיך אויף ריזיגע שטחים לאנד. און פונקט פון דעם קליינעם לאנד מאכט מען אזא איבערקערעניש?! אנדערע מדינות האבן געפירט ריזיגע מלחמות און איינגענומען ריזיגע שטחים פונעם אנדערן פאלק און עס איז בכלל נישט געווען קיין עסק, פארוואס פונקט דא מאכט מען אזא עסק?!

**ווייל א דבר שבקדושה קומט אָן שווער!**

דער תירוץ איז: ווען עס קומט צו 'דברים שבקדושה' איז אינגאנצן אן אנדערן געשעפט! דארט דארף מען זיך שלאגן אויף יעדער אמה און אויף יעדן טפח! אויף א לאנד וואס חז"ל זאגן (כתובות יא.): "כל המהלך ארבע אמות בארץ ישראל מובטח לו שהוא בן עולם הבא" - פיר אמות אין ארץ ישראל איז א שטיק עולם הבא, נו, איז דאך זייער פארשטענדליך אז מען דארף דורכגיין שבעה מדורי גיהנום איידער מען איז קונה ד' אמות פון עולם הבא! אויף א לאנד וואס די תורה זאגט עדות (דברים יא, יב): "עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ" - דער רבונו של עולם קוקט דארט און וואוינט דארט, נו, איז דאך זיכער אז **די גאנצע וועלט קען זיך פארשטעקן קעגן איין אמה און טפח פון ארץ ישראל! נו, איז דאך נישט קיין וואונדער אז עס קומט אָן שווער!** ווייל א דבר שבקדושה קומט נישט אָן גרינג! אויב א איד וויל ערגעץ אנקומען אין קדושה מוז ער האבן א 'ארך רוח'! ער דארף נישט באלד זען דעם אור און די הצלחה! ער דארף זיין גרייט זיך צו מוטשען און שפייען בלוט - ביז ער זעט זיך עפעס איינעמען!

**קודם זעט מען די שוועריקייטן און דערנאך די זיסקייט**

משה רבינו האט געזאגט צו די מרגלים - ווען זיי זענען געגאנגען זען ארץ ישראל (במדבר יג, יז): "עֲלוּ זֶה בַּנֶּגֶב", זאגט רש"י: "כן דרך התגרים מראים את הפסולת תחלה". דאס איז א תכונה פון ארץ ישראל, אז מען ווייזט דיר קודם די 'פסולת' און די שוועריקייטן, און דערנאך אויב דו ביסט מסכים דורכצוגיין די אלע יסורים, דעמאלט קומסטו אָן צו די ריכטיגע זיסקייט פון ארץ ישראל. אזוי זעט מען אויך אין פסוק (שמות כג, ל): "מְעַט מְעַט אֲגָרֲשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ" - דער אויבערשטער זאגט: איך וועל נישט ארויסטרייבן די גוים אויפאיינמאל, נאר צוביסלעכווייז. ווייל אזוי גייט 'ירושת הארץ'! דוקא אויף אן אופן פון 'מעט מעט'!

**דער 'ארך רוח' וואס אידן האבן געהאט אויפן 'בית ראשון'**

ביים בית המקדש זעט מען נאכמער דעם ענין פון 'ארך רוח'; ווי דער פסוק זאגט (תהלים צג, ה): "לְבֵיתְךָ נַאֲוָה קֹדֶשׁ ה' לְאֹרֶךְ יָמִים" - דער בית ה' האט צוטון מיטן ענין פון 'אורך ימים'. ווען אידן זענען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל האבן זיי געוואוסט, אז די תכלית פון 'ביאת הארץ' איז געווען אויפצובויען א בית המקדש. זיי האבן געוואוסט אז משכן שילה איז נאכנישט דער ריכטיגער בית המקדש. נו, ווילאנג האט געדויערט זינט מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל ביז מען האט אנגעהויבן צו בויען דעם בית המקדש?! פיר הונדערט און אכציג יאר! **מען זאל זיך נאר אביסל מצייר זיין וואס עס מיינט 'פיר הונדערט און אכציג יאר', דאס איז אזויווי פון די צייטן פונעם אר"י הק' ביז היינט! אזוי לאנג האט מען געווארט אז מען זאל אויפבויען דעם בית המקדש!** אידן האבן מן הסתם געטראכט צו זיך: "וואס גייט דא פאר?! דער רבונו של עולם האט דאך אונז מבטיח געווען אז ער וועט אויפבויען א בית המקדש, און דער גאנצער 'כיבוש הארץ' איז דאך געווען מיטן ציל אז מען זאל קומען צום ריכטיגן 'מקום אשר יבחר השם' וואו עס וועט זיין השראת השכינה! נו, וואו איז דער בית המקדש?! פארוואס איז נאכנישט דא קיין בית המקדש?!". אידן וואלטן געקענט אריינפאלן אין מחשבות פון יאוש. אבער דא האט זיך אויסגעפעלט דער 'ארך רוח' צו ווארטן און ווארטן ביז מען האט זיך דערווארט און נאך פיר הונדערט און אכציג יאר האט מען זוכה געווען צו בויען א בית עולמים. און דאס איז נאר דער 'בית ראשון', און ווער רעדט נאך פונעם 'בית השלישי', וואס מען ווארט דאך שוין דערויף שוין באלד צוויי טויזנט יאר! און דורכאויס דעם לאנגן צייט זענען מיר דורכגעגאנגען אזויפיל מעברים, גירושים און השמדות, א גירוש ספרד, א חורבן איראפע, א היטלער ימ"ש און א סטאלין ימ"ש. מען איז אזויפיל דורכגעגאנגען און דורכגעגאנגען, אבער אידן האלטן זיך שטארק ביי דער אמונה אין 'ביאת המשיח'! און דאס גופא איז דער גרעסטער עדות אויפן כח פון 'ארך רוח' וואס כלל ישראל פארמאגט! ווען נישט דעם כח פון 'ארך רוח' וואלט שוין כלל ישראל לאנג געווען מיואש פון דער גאולה! אידישע קינדער גיבן נישט אויף נאר זיי

**נקודות:**

די נרות חנוכה איז אויסגעשטעלט אויף אן אויסשטעל פון 'ארך רוח', מען הייבט נישט אָן אויף איין רגע מיט אלע לעכט, נאר עס גייט שטאט און צוביסלעכווייז, נאך א לעכטל און נאך א לעכטל. צו ווייזן, אז אזוי ארבעט א 'דבר שבקדושה', מען מוז האבן געדולד און ווארטן ביז מען קומט אָן צום שלימות

~

'חנוכה' איז פון לשון 'חינוך' – וואס דאס איז געווענליך א זאך וואס באלאנגט צו קליינע קינדער. אבער חנוכה ווערן נתחנך אפילו עלטערע אידן! ווייל אפילו אן אלטער איד וואס איז שוין אלט אין עבודת ה' – ווערט נתחדש חנוכה! ער הייבט אָן נאכאמאל זיך מחנך זיין, ווייל ער איז פריש ווי א קליין קינד

>>> המשך בעמוד הבא

# דרכי הצדיקים

לחיים אחר השיעור בירושלים ג' ואתחנן תשע"ט

סיפורי קודש בדרכם של רבותינו הק' זי"ע

- אחד מגודלי חסידי הרה"ק הרבי רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע היה הגאון החסיד רבי אלעזר ראזען ז"ל, אשר היה מו"ץ בעיר ראזוואדוב ועי"ש זה היה מכונה 'רבי אלעזר מו"ץ'. מקור מוצאו היה מעיר אחת שהיה בעומק מדינת פולין שעל יד הגבול רוסלאנד שהיו מתגוררים בה הרבה מתנגדים, אבל הוא נמשך ברבות הימים לדרך החסידות ודבקה נפשו בהרה"ק הרר"א מדזיקוב, ואחר פטירתו היה מסתופף בצל בנו הרה"ק מראזוואדוב זי"ע.

פעם אחת שוחח הרה"ק הרר"א על כך שחסידים מושרשים בשורש נפש רבם, ולכן הן מקושרים אליו. ובשעת מעשה עמד שם רבי אלעזר מו"ץ, טפח הרה"ק הרר"א על כתפיו ואמר: 'דעם סמַארק האב איך פון טיף פולין אהער געשלעפט צו מיר וויל ער גיהערט צו מיין שורש הנפש' ('סמַארק' זה משכתיו אלי לכאן מעומק פולין משום שהוא שייך לשורש נפשי').

- רבי אלעזר מו"ץ היה ת"ח עצום, ויש כמה תשובות מאת הרה"ק מצאנז זי"ע בשו"ת דברי חיים אליו. והיה במיוחד בקי נפלא בתורתו של הנודע ביהודה.

פעם הגיע רבי אלעזר מו"ץ אל הרה"ק מצאנז בשעת קבלת קהל ובזמן שהציבור נכנסו אליו עם 'קוויטל'עך', וגם רבי אלעזר נכנס אצלו למסור לו 'קוויטל'. אבל כאשר נכנס לחדרו של הרה"ק מצאנז, התחיל הרה"ק להתפלפל עמו בדברי תורה, ונמשך פלפולם למשך זמן מה. כאשר ראה הגבאי כי ציבור גדול עומד וממתין בחוץ, ורבי אלעזר מתעכב בפנים הרבה זמן, ניגש הגבאי ודפק על הדלת וביקש כי יזדרז נא לפי שאנשים רבים ממתינים בחוץ. יצא הרה"ק מצאנז אל הגבאי וגער בו: 'דו גאלגאן! אז דער אייבערשטער איז מיר מזמין א אמת'ע תלמיד חכם אז איך זאל זיך קענען משתעשע זיין מיט אים אין דברי תורה, קומסטו דרייען א קאפ'! ('גאלגאן' שכמתוך אם הקב"ה מזמין לי תלמיד חכם אמיתי שאשתעשע עמו בדברי תורה, בא אתה לבלבל את מוחי'!) הרי כי הרה"ק מצאנז כינה את רבי אלעזר בתואר של 'אמת'ע תלמיד חכם'.

- רבי אלעזר מו"ץ היה רגיל לומר בדרך בדיחותא, כי הוא אינני מתיירא מן הדין בעולם האמת לפני בי"ד של מעלה. כי הנה תיכף אחר פטירתי יבא אלי המלאך 'דומה', ואני אבקש ממנו ליישב לי איזה סתירה בדברי הרמב"ם, והרי המלאך לא יֵדע מה להשיב לי, ובכן אני יאמר לו: 'מיט אן עם הארץ האב איך נישט קיין עסק' ('עם עמי הארץ אין אני רוצה להתעסק'), ואז יניחני המלאך לנפשי. וכאשר יביאוני אח"כ לפני הבי"ד של מעלה, גם כן איני מתיירא. כי היה מקובל מפי צדיקים אשר הנודע ביהודה יושב בבי"ד של מעלה, ובכן המשיך רבי אלעזר: אני יאמר לנודע ביהודה אשר אני היה תמיד מתייגע בספרו כל ימי, ולכן הוא מוכרח לעשות לי טובה. והדיבורים הללו היו שגורים על לשונו של רבי אלעזר.

ועל עבודא זו סיפר כ"ק רבינו מעשה פלא, אשר כמעט ולא סיפר דוגמת סיפור זה ועניינים הדומים אליו. וכה אמר, כי פעם אחת ישב אצל אביו כ"ק רבינו הזקן זי"ע אחר תפלת מעריב, והיה זה אחר פטירתו של רבי אלעזר מו"ץ. והתנמנם כ"ק רבינו הזקן לזמן קצר, ולפתע התעורר ברעדה ופתח ואמר: 'אלעזר איז געוועהן ביי מיר, האב איך אים געפרעגט: אלעזר! דו האסט דאך עפעס געדַרשנט? האט ער מיר גענטפערט: אזוי ווי איך האב געזאגט! אז מ'קען לערנען האקט מען זיך אדורך'! (אלעזר היה אצלי, אמרתי לו: אלעזר! הרי דרשת איזו דרשה כל ימיך? ענה לי: כמו שאמרתי! אם יודעים ללמוד עוברים את הכל!).




ישר 718.484.2189

<<< המשך מעמ' הקודם

ווארטן מיט געדולד, און ווען דער בית השלישי וועט קומען - וועט מען שוין זען אז עס האט זיך געלוינט צו ווארטן.

**דער בית המקדש הפרטי פאדערט א געוואלדיגער 'ארך רוח'**

יעדער איד בויעט א פרטיות'דיגער בית המקדש ביי זיך אין הארץ - וואו דער רבונו של עולם זאל שורה זיין. און פונקט ווי אויפן כלליות'דיגן בית המקדש דארף מען האבן א געוואלדיגן 'ארך רוח' - **אזוי דארף אויך א איד האבן א געוואלדיגן 'ארך רוח' צו זיין אייגענעם בית המקדש! ער טאר זיך נישט מייאש זיין פון זיין בית המקדש און טראכטן חס ושלום אז עס וועט שוין נישט געבויעט ווערן!** און טאמער א איד איז זיך יא מייאש פון זיין אייגענעם בית המקדש, קען מען דאס כמעט רופן ווי 'אביזרייהו' פון זיך מייאש זיין פונעם כלליות'דיגן בית המקדש! און עס איז דא א מורא'דיגע תביעה צו אים: "ווי מעגסטו זיך מייאש זיין פון דיין בית המקדש?! דו ביזט דאך באשאפן געווארן צו זיין א בית המקדש; ווי דער פסוק זאגט (שמות כה, ח): "וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם". איי, עס איז שוין דורכגעגאנגען אזא לאנגע צייט און דו זעסט נישט קיין פארשריט? נו, אויפן כלליות'דיגן בית המקדש איז שוין אויך דורכגעגאנגען א לאנגע צייט וואס מען זעט נישט קיין פארשריט! איז זיך דען כלל ישראל מייאש איין רגע פונעם בית המקדש?! זיכער נישט! "ואף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא". נו, אויב אזוי זיי דו אויך בתוך כלל ישראל און זיי זיך נישט מייאש פון דיין אייגענעם בית המקדש!".

**מעט מעט - יעדן טאג בלויז איין לעכטל מער**

די נרות חנוכה - וועלכע איז ממשיך אויף אונז אן אור פונעם בית המקדש - איז אויסגעשטעלט אויף אן אויסשטעל פון 'ארך רוח', מען הייבט נישט אָן אויף איין רגע מיט אלע לעכט, נאר עס גייט שטאט און צוביסלעכווייז, דעם ערשטן טאג צינדט מען אָן איין לעכטל, דעם צווייטן טאג - נאך א לעכטל, און אזוי ווייטער - נאך א לעכטל און נאך א לעכטל, ביז מען וועט אנקומען צום שלימות. צו ווייזן, אז אזוי ארבעט א 'דבר שבקדושה', מען מוז האבן געדולד און ווארטן ביז מען קומט אָן צום שלימות.

**מוסיף והולך - מען גייט צוריק צו דער התחלה און מען גייט ווייטער**

אויך ווייזן די נרות חנוכה אויפן צווייטן ענין פון 'ארך רוח', אז מען הייבט יעדן טאג נאכאמאל פון אנפאנג! און **אפילו ווען מען האלט שוין ביים שלימות פון אכט לעכט, צינדן מען אָן נאכאמאל די ערשטע לעכט וואס מען האט שוין אנגעצינדן די ערשטע נאכט און מען גייט ווייטער.** דאס הייסט, נישט נאר מען איז מוסיף איין נר אויף די פריערדיגע נרות, נאר מען הייבט אָן נאכאמאל כאילו מען האט נאך קיינמאל נישט געצינדן קיין איין נר! מען איז אלעמאל ביי דער התחלה! 'חנוכה' איז פון לשון 'חינוך' - וואס דאס איז געווענליך א זאך וואס באלאנגט צו קליינע קינדער; ווי דער פסוק זאגט (משלי כב, ו): "חֲנֹךְ לַנַּעַר". אבער חנוכה ווערן נתחנך אפילו עלטערע אידן, ווייל אויך זקנים דארפן צינדן די נרות חנוכה. דאס הייסט, אז אפילו אן אלטער איד וואס איז שוין אלט אין עבודת ה' - ווערט נתחדש חנוכה! ער הייבט אָן נאכאמאל זיך מחנך זיין, ווייל ער איז פריש ווי א קליין קינד.

**חנוכה שפירט מען אז עס לוינט זיך צו ווארטן אויפן אור פון משיח**

חנוכה איז 'אורו של מלך המשיח' וואס וועט נתגלה ווערן צום סוף - נאך אלע מעברים פון גלות. דאס הייסט, אז **חנוכה גיבט אריין אין אונז - נאך יעצט זייענדיג אין גלות 'למטה מעשרה טפחים' - די הארה פון לעתיד, צו שפירן אז עס ווארט אויף אונז א גרויסער אור!** און דאס גיבט אונז שטארקייט און התחזקות דורכצוטראגן אלע שוועריקייטן וואס גייט דורך אויף אונז דורכאויס דעם גאנצן גלות. דער אויבערשטער זאל העלפן אז מען זאל זוכה זיין צום 'אורו של מלך המשיח' במהרה בימינו, אמן.



מערכת השיעורים
בארה"ב: 718.536.2347
בארה"ק: 072-3323310

כל הזכויות שמורות
למכון תולדות יהודה סטיטשין
אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת

לקבל הגליון מדי שבוע במייל,
לסדר מוקד הפצה, ולתרומות:
gilyondoeihu@gmail.com - Tel. 718.438.0032 #3